ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל**
**תשיעי**

**שער**
**שלישי**

# דבר מלכות

מאת

כבוד קדושת

**אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

**משיחות ש״פ בהעלותך, י״ט סיון ה׳תנש״א**


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
הי׳ תהא שנת פלאות אראנו
שנת הק״כ להולדת כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**

## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

נסדר לדפוס ע"י הת' שלום דובער בן חנה והת' מנחם מענדל הלוי בן נחמה דינה פייגא

# בס״ד. משיחות ש״פ בהעלותך, י״ט סיון ה׳תנש״א

א. אין פרשת בהעלותך איז דאָ אַ חידוש לגבי אַלע אַנדערע פרשיות התורה:

די גמרא זאָגט[1], אַז פרשת „ויהי בנסוע הארון״ (בפ׳ בהעלותך[2]) „ספר חשוב הוא בפני עצמו״, ועפ״ז קומט אויס (ווי די גמרא דאָרט ברענגט די דרשה אויפן פסוק[3] „חצבה עמודי׳ שבעה״) אַז עס זיינען פאַראַן „שבעה ספרי תורה״[4], ווייל „פרשה זו (ויהי בנסוע הארון) ספר לעצמו, נמצא שלמעלה ספר לעצמו ושלמטה ספר לעצמו . . נמצא ספר וידבר (במדבר) נחלק לג׳ ספרים״[5], במילא זיינען דאָ „שבעה ספרי תורה״ (די פיר ספרים — בראשית שמות ויקרא דברים, און ספר במדבר וועלכער טיילט זיך אין ג׳ ספרים). עפ״ז — איז דער חידוש אין פ׳ בהעלותך, אַז די פרשה איז אין זיך כולל „ג׳ ספרים״ (דער חלק הפרשה פאַר פ׳ ויהי בנסוע הארון, פ׳ ויהי בנסוע הארון, און דער חלק הפרשה שלאחרי זה).

אין דעם זיינען פאַראַן כמה ענינים וואָס מ׳דאַרף פאַרשטיין:

(א) אַ דבר תמוה: לויט דער חלוקה פון „שבעה ספרי תורה״, קומט אויס אַז דער זעקסטער ספר (דער דריטער ספר אין ספר במדבר, נאָך פ׳ ויהי בנסוע הארון) הויבט זיך אָן מיט „ויהי העם כמתאוננים״[6] — אַן ענין בלתי רצוי וועלכער האָט געבראַכט אומגעוואונטשענע תוצאות („ותבער בם אש גו׳״[6]), און דערנאָך — בהמשך הענין וועגן חטא מרים[7], און דערנאָך (אָבער בפרשה שלאחרי זו[8]) וועגן חטא המרגלים וכו׳!

דער חידוש בזה זעט מען אויך אין דעם — וואָס אַלע ספרים האָבן אַ נאָמען, גענומען פון דעם ערשטן וואָרט (אָדער ערשטע ווערטער) פון דעם ספר: בראשית (דער ערשטער וואָרט פון ספר), שמות (דער צווייטער וואָרט), ויקרא (דער ערשטער וואָרט), במדבר (פון דעם ערשטן פסוק אין ספר), דברים (דער צווייטער וואָרט), און אויך דער צווייטער ספר אין במדבר ווערט אָנגערופן בשם „ויהי בנסוע הארון״; משא״כ דער ספר שלישי (בספר במדבר) — געפינט מען ניט ער זאָל אָנגערופן ווערן בשם (ספר „ויהי העם כמתאוננים״ וכיו״ב).

ועוד ואדרבה: די ערשטע ווערטער פון דעם ספר רעדן וועגן אַן ענין בלתי רצוי. און ביז אַז יעדער וואָרט פאַר זיך באַווייזט אויף אַן ענין לא טוב: „ויהי״ — „כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער״[9], „העם״ — „אין העם אלא רשעים״[10],

1) שבת קטז, ריש ע״א. וראה גם מס׳ סופרים רפ״ו. ספרי פרשתנו עה״פ. ב״ר פס״ד, ח. ויק״ר פי״א, ג. פרש״י משלי ט, א.

2) י, לה־לו.

3) משלי שם.

4) ראה גם זח״ג רנד, א: ואינון חמשה חומשי תורה ואי תימא שית אינון אלא שבע אינון.

5) פרש״י שבת שם. וראה גם ב״ר וויק״ר שם.

6) פרשתנו יא, א.

7) שם יב, א ואילך.

8) ר״פ שלח (יג, א ואילך).

9) מגילה י, ב. — וגם לפי מסקנת הגמ׳ שם, מובן לכאורה ש„ויהי״ הנאמר בנדו״ד הוא לשון צער.

10) ספרי ופרש״י עה״פ.

„כמתאוננים" — בפשטות אַן ענין לא טוב (וכן בהמשך הכתוב: „(כמתאוננים) רע באזני ה'"),

ולהעיר — זהו היפך הוראת התורה[11] „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה".

(ב) בכלל טיילט זיך די תורה אויף חמשה חומשי תורה, חמשה ספרים. וואָס איז דער אונטערשייד און אויפטו פון שבעה ספרי התורה.

(ג) וויבאַלד אַז די חלוקה פון ספר במדבר אין ג' ספרים — וואָס אַלס תוצאה דערפון טיילט זיך כל התורה אויף ז' ספרים — איז אין פ' בהעלותך דוקא, דאַרף מען זאָגן אַז ס'איז דאָ צווישן זיי אַ (תוכן'דיקער) שייכות.

בפשטות איז די שייכות ביניהם פאַרשטאַנדיק פון דעם וואָס די מנורה — „בהעלותך את הנרות"[12] — איז פאַרבונדן מיט דעם ענין התורה (תורה אור[13]); וכשם ווי „בהעלותך את הנרות" באַשטייט פון „שבעת הנרות"[12], אַזוי טיילט זיך אויך תורה אויף „שבעה ספרי תורה"[14] (כנגד השבעה נרות)[15]. וואָס איז די שייכות בתוכן הענינים, און ווי שטימט דאָס מיט דער חלוקה פון חמשה חומשי תורה.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור אין דעם תוכן און הוראה פון „בהעלותך את הנרות" בכלל.

כידוע אַז אַלע עניני התורה (תורה מלשון הוראה[16]) זיינען אַ הוראה פאַר אַ אידן אין זיין עבודה. ובפרט די ענינים פאַרבונדן מיט דער עבודה אין משכן — וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין דער עבודה פון יעדער איד, כמ"ש[17] „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", „בתוך כל אחד ואחד מישראל"[18], ובפרט הדלקת המנורה („בהעלותך את הנרות") אין משכן, וועלכע דריקט אויס דעם כללות'דיקן אינהאַלט פון דער עבודה פון אַ אידן צו דינען דעם אויבערשטן (כדלקמן).

ובהקדמה: אע"פ וואָס אין בהעלותך — אַזוי ווי אין אַלע עניני התורה — זיינען פאַראַן אַ ריבוי פירושים (ששים ריבוא פירושים[19] ע"ד הפשט, הרמז, הדרוש והסוד[20]), קומט לכל לראש דער פירוש הפשוט ע"ד הפשט (אין מקרא יוצא מידי

11) משנה ברכות נד, א.

12) ריש פרשתנו (ח, ב).

13) משלי ו, כג.

14) וכשם שכל שבעת הנרות הם חלק ממנורה אחת, „מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא" (פרשתנו שם, ד), כמו"כ כל חלקי התורה (ז' ספרי תורה) הם „מפי הגבורה והכל תורת ה' תמימה טהורה וקדושה אמת כו'", „ואין הפרש בין . . ותמנע היתה פילגש (וישלח לו, יב) ובין אנכי ה' אלקיך (יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו) כו'" (פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד הח'. וראה סנהדרין צט, ב).

15) ראה ד"ה בהעלותך — באוה"ת פרשתנו (ע' שכב). תרל"ד (ע' רלז). תרע"ח (ע' שמג). וראה גם אוה"ת לך תרפג, א. חנוכה תתקלא, א.

16) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

17) תרומה כה, ח.

18) ראה ר"ח שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו (ד"ה ושני פסוקים — סט, ב). אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב. לקו"ת פרשתנו לד, ד. ועוד.

19) שער הגלגולים הקדמה יז. שער רוה"ק (קח, ב). לקוטי מהרח"ו שבסוף שער מרז"ל (פז, ב).

20) ועפ"פ המבואר בכתהאריז"ל שם ששים ריבוא פירושי התורה הם כנגד הששים ריבוא נשמות ישראל, יש לומר, שכל אחד מהששים ריבוא פירושים כולל ששים ריבוא פירושים פרטיים, כמו שהוא בנשמות ישראל, שכל א' מהששים ריבוא נשמות כוללת ששים ריבוא ניצוצות (תניא פל"ז — מח, א).





הנרות", ויפעל כן גם בהזולת, ועד להפעולה בכל בנ"י[19].

ועוד והוא העיקר — שע"י ההוספה במצות הצדקה[20] ש„מקרבת את הגאולה"[21], ובפרט צדקת ארץ ישראל, מקרבים וממהרים ומביאים תיכף את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, שאז תהי' ההתאחדות וההתכללות האמיתית דכל בנ"י, „שבעת הנרות", כמ"ש[22] „עוד אקבץ עליו לנקבציו", שמתקבצים ונעשים מציאות אחת, „מנורת זהב כולה", „מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא".

ובפשטות — ש„בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[23] מתקבצים מארבע כנפות הארץ (מכל שבע הארצות „מאשור וממצרים וגו'"[24]) ובאים לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש ולבית המקדש, בית המקדש השלישי, שהוא גם משולש, כיון שכולל כל הבתי־מקדשות (גם בית ראשון ובית שני)[25], ורואים הדלקת המנורה ע"י אהרן בפועל ממש, ותיכף ומיד ממש — בין הערביים דיום הש"ק זה[26], לפני סעודה שלישית [הקשורה עם הגאולה השלישית וביהמ"ק השלישי[27]], ועאכו"כ לפני סעודה רביעית, „מלוה מלכה", „סעודתא דדוד מלכא משיחא"[28], רגל הרביעי שבמרכבה[29] [הקשורה עם הגאולה כפי שנמנית בתור גאולה רביעית (גאולה מארבע גלויות[30]), שבה יהי' „הכסא שלם"[31], כסא של ד' רגלים[32]], תיכף ומיד ממש.

19) ולהעיר, שבתיבת „כולל" מרומז שנוסף לכך שכל המשתתפים כבר הם כלל אחד, משתדל כאו"א מהם להיות „כולל" עוד משתתפים, ועד להכלל הכי גדול דכל בנ"י.

20) ובאופן ד„בהעלותך את הנרות", „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'": „שלהבת" — שנתינת הצדקה היא באופן שנעשית „מטבע של אש" (ראה לקו"ש חכ"ו ע' 299 ואילך. וש"נ), וב„(מטבע של אש" גופא עד ל„שלהבת"; „(שלהבת) עולה" — עלי' והוספה בנתינת הצדקה, הן בכמות והן באיכות; „(שלהבת עולה) מאלי'" — שידו נעשית „יד המחלקת צדקה לעניים" (תניא פכ"ג) מאלי', ע"ד „מנפשי' כרע" (כנ"ל בארוכה).

21) ב"ב יו"ד, א. וראה תניא פל"ז.

22) ישעי' נו, ח.

23) בא יו"ד, ט.

24) ישעי' יא, יא.

25) ראה זח"ג רכא, א.

26) ראה רמב"ם הל' תמידין ומוספין פ"ג הי"א: „אין מחנכין את המנורה אלא בהדלקת שבעה נרותי' בין הערביים".

27) ראה לקו"ש חכ"א ע' 84 ואילך. וש"נ.

28) סידור האריז"ל במקומו. ועוד.

29) זהר ח"א רמח, ב. ח"ג רסב, ב. ובכ"מ.

30) ראה לקו"ש חט"ז ע' 91. וש"נ.

31) פרש"י ס"פ בשלח.

32) ראה צפע"נ עה"ת ר"פ ויצא. וש"נ.

בפרטיות „שבעת הנרות"; ועז"נ „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" – שהעבודה בפרטי שבעת המדות מוארת וחדורה בהכלל (העצם) דהנשמה, ועד לשרש הנשמה כפי שמושרשת בעצמותו ית' („פני המנורה").

ג. ויש לומר, שענין זה שייך ומודגש במיוחד ב„כולל חב"ד":

לכל לראש בהשם „כולל חב"ד": „חב"ד", חכמה בינה דעת – הם השורש ומקור דשבעת המדות[11], „שבעת הנרות". ו„כולל חב"ד" – הוא הכלל דחב"ד ובמילא גם הכלל דשבעת המדות (נרות), כללות המנורה.

ועוד ועיקר – בהעבודה ד„כולל חב"ד": תוכן העבודה דכולל חב"ד היא העזר והסיוע ל(כאו"א מ)ישראל אנשים נשים וטף, עזר גשמי, צדקה כפשוטה, ועזר רוחני, צדקה רוחנית, ע"י הפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה, שעי"ז נעשית ההתאחדות וההתכללות דכל בנ"י („כולל"), הן בצדקה גשמית[12], ש„מתוך שגומל חסד בגופו לחבירו הוא מכיר שהוא אוהבו ובא לידי אחוה ושלום"[13], והן (ועאכו"כ) בצדקה רוחנית, שעל ידה נעשית האחדות וההתכללות דכל בנ"י („כולל") עם הקב"ה, באופן ש„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות".

ויש להוסיף, שהענין ד„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" נעשה ע"י נשיאי הכלל, רבותינו נשיאינו שבכל דור, מאדמו"ר הזקן ועד לכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, כי, „הנשיא הוא הכל"[14], להיותו „ראש בני ישראל", בדוגמת ה„ראש" שכולל החיות דכל אברי הגוף, וממנו מתפשטת החיות לכל אברי הגוף, ועל ידו נעשית ההנהגה דכל הגוף[15], ודוגמתו בנמשל, שעל ידי נשיא הדור נמשכים כל ההשפעות הרוחניים והגשמיים[16] לכל אנשי הדור, ועוד ועיקר, שעל ידו מתאחדים ומתכללים כל אנשי הדור להיות „מנורת זהב כולה" בפועל ובגלוי[17], ועד ש„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", שנעשים מוארים וחדורים בהאור דפנימיות המנורה, „פנימיות רצון העליון", שנמשך ומאיר ע"י פנימיות התורה שנתגלתה בתורת החסידות דרבותינו נשיאינו, שעל ידה נעשית האחדות דפנימיות (סתים) הנשמה עם הפנימיות (סתים) דהקב"ה[18].

ד. ויה"ר שכאו"א מהמשתתפים ועוזרים ומסייעים (בנשמתם בגופם ובממונם) לכולל חב"ד יהי' בעצמו בבחינת „כולל חב"ד", עי"ז שעבודתו הפרטית תהי' באופן ד„אל מול פני המנורה יאירו שבעת

11) ראה תניא פ"ג: „חב"ד נקראו אמות ומקור למדות כי המדות הן תולדות חב"ד".

12) ומעלה יתירה בצדקת ארץ ישראל שבה מודגשת ביותר אחדותם של כל בנ"י, כיון שלכאו"א מישראל יש חלק בארץ ישראל (ד' אמות או אמה אחת), כפי שמצינו להלכה בנוגע לפרוזבול (ראה לקו"ש ח"כ ע' 309 בהערות. וש"נ).

13) פרש"י ברכות ח, רע"א.

14) פרש"י חוקת כא, כא.

15) ראה תניא פ"ב.

16) ומודגש בפרשת השבוע – שכשאמר משה „מאין לי בשר לתת לכל העם הזה", השיב לו הקב"ה „אספה לי שבעים איש גו' ואצלתי מן הרוח אשר עליך ושמתי עליהם וגו'" (יא, יג ואילך), היינו, שגם השפעת בשר גשמי צ"ל באמצעות משה דוקא (ראה לקו"ת פרשתנו לא, ד. לג, ב. סה"מ תר"ס ע' קיב. סה"מ קונטרסים ח"ב שלג, ב. ועוד).

17) כמודגש בהתחלת הכתוב „ראיתי והנה מנורת זהב כולה".

18) ראה זח"ג עג, א. לקו"ת ויקרא ה, ג. נצבים מו, א. ובכ"מ.





פשוטו[21]), וואָס איז שייך צו יעדער איד און אַלע אידן, האנשים הנשים והטף.

ולהעיר – דאָס איז ענינו פון פירוש רש"י – „אני[22] לא באתי אלא לפשוטו של מקרא"[23], פאַרשטאַנדיק אפילו פאַר אַ בן חמש (וויבאַלד ער איז שייך און לערנט למקרא.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די (תורה מלשון) הוראה פון „בהעלותך את הנרות" פאַר יעדער איד דאַרף מען (לכל לראש) אַרויסנעמען פון דעם פירוש הפשוט אין פרש"י על הפסוק, וואָס יעדער איד קען אים פאַרשטיין, ובמילא איז מובן אַז אויך די הוראה דערפון איז שייך צו יעדער איד, האנשים הנשים והטף, אויך בתחלת עבודתו (נאָך איידער ער דערגרייכט צו העכערע דרגות אין זיין לימוד ועבודה).

ג. אויף „בהעלותך" איז רש"י מפרש: „על שם שהלהב עולה כתוב בהדלקתן לשון עלי', שצריך להדליק עד שתהא[24] שלהבת עולה מאלי'".

דער ביאור ההוראה אין דעם:

„בהעלותך את הנרות" בכלל באַדייט די כללות'דיקע עבודה פון אַ אידן לשמש את קונו[25]: די[26] עבודה פון „אָנצינדן" דעם „נר ה' נשמת אדם"[27] מיט דער ליכט פון „נר מצוה ותורה אור"[13], און דורך דעם זאָל זי אויפלייכטן מיט איר ליכטיקייט, און באַלייכטן זיין גאַנצע מציאות, זיין גוף און חלקו בעולם – „כל מעשיך יהיו לשם שמים" ו„בכל דרכיך דעהו"[28], און אויך באַלייכטן די מענטשן אַרום, ביז – באַלייכטן די גאַנצע וועלט (ממנה אורה יוצאה לכל העולם[29]) – מיט „נר מצוה ותורה אור", און אַזאַ ליכטיקייט וועלכע פאַרבינדט – מצוה מלשון צוותא וחיבור[30] – די גשמיות'דיקע וועלט מיט (כביכול) דעם אויבערשטן, אַזוי אַז די וועלט ווערט – בלשון הידוע[31] – אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אַ „לייכטנדיקע מנורה" וועלכע ברענט און לייכט מיט ג־טלעכע ליכטיקייט.

און דער אופן ווי מ'דאַרף אויספירן די עבודה – איז, ווי רש"י איז מפרש: „צריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'": אע"פ וואָס הדלקת והעלאת הנרות קומט דורך דעם אידן המדליק הנרות, באַשטייט די מצוה אין דעם אַז דער נר ווערט אָנגעצונדן אין אַן אופן אַז דערנאָך לייכט דאָס פון זיך אַליין, דער פלאַם פייער גייט אויף „מאלי'", און דאַרף ניט אָנקומען צו הפעולה והסיוע פון דעם מדליק הנרות.

אַזוי אויך אין עבודת השם: כאָטש אַז

21) שבת סג, א. וש"נ.

22) פרש"י בראשית ג, ח. ג, כד. ועוד.

23) ובפרט ע"פ דיוק לשון רש"י „לא . . אלא" – דלשון זה מורה שהוא ענין לעיכובא (ראה תוד"ה מתני' – מנחות פג, סע"ב).

24) שבת כא, סע"א (נעתק לקמן הערה 39). רמב"ם הל' תמידין ומוספין פ"ג הט"ו.

25) ע"פ ל' חז"ל – משנה ובריתא סוף קידושין.

26) בהבא להלן, ראה לקו"ת ריש פרשתנו (כט, ג ואילך). ובכ"מ. וראה גם שיחת ש"פ בהעלותך תשמ"ח (סה"ש ח"ב ע' 482). תשמ"ט (סה"ש ח"ב ע' 523 ואילך). תש"נ (סה"ש ח"ב ע' 5־504).

27) משלי כ, כז.

28) אבות פ"ב מי"ב (שלומדים בשבת זה). משלי ג, ו. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. שו"ע אדה"ז שם סקנ"ו ס"ב.

29) ראה ירושלמי ברכות פ"ד ה"ה. רש"י כת"י מנחות פו, ב (ד"ה ואטומים).

30) לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ – נסמנו בסה"מ מלוקט ח"ג ע' עב הערה 55.

31) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

דער אויבערשטער גיט כחות אַ אידן צו טאָן זיין עבודה („הקב"ה עוזרו"[32]) אין „נר מצוה ותורה ואור" [נוסף אויף דעם וואָס ער האָט געמאַכט און „אָנגעצונדן" דעם „נר ה' נשמת אדם", און איר אַראָפּגעשיקט למטה], און אַזוי אויך באַקומט אַ איד כחות פון אהרן הכהן (רועה ישראל) וועלכער צינדט אָן דעם „נר ה'" למטה, און אויך כחות פון זיינע עלטערן און מחנכים, און פון אַנדערע מענטשן אַרום אים (ובלשון הכתוב[33] — „איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק") — פונדעסטוועגן, באַשטייט שלימות ואמיתית העבודה אין דעם, אַז (לאחרי וואָס ער ווערט „אָנגעצונדן" דורך אַנדערע) ווערט ער אַ „שלהבת עולה מאלי'", ד.ה. אַז די „נר מצוה ותורה אור" נעמט אים אויף אַזויפיל דורך, אַז דאָס לייכט פון אים — פון זיין מציאות (אַלס נשמה בגוף) — אַליין („מאלי'"), אַזוי אַז ער דאַרף ניט אָנקומען צו פעולת המשפיע (דעם „מדליק הנר"), זייענדיק אַ „שלהבת עולה מאלי'".

ד. ובפרטיות לשון רש"י — „שלהבת עולה מאלי'":

„שלהבת": איידער די ליכט ווערט אָנגעצונדן האָט מען אַ נר, אַ כלי, שמן און אַ פתילה[34], אָבער דאָס לייכט ניט. די עבודה פון אַ אידן באַשטייט אין דעם אַז ער צינדט אָן דעם נר, באופן אַז עס ווערט אַ שלהבת, אַ לייכטנדיקער נר, וואָס שיינט און באַלייכט דעם אַרום. און ניט בלויז אַ נר קטן, נאָר אַ שלהבת — אַ פלאַם פייער.

„עולה": זיין עבודה פון לייכטן ווי אַ „שלהבת" מיט „נר מצוה ותורה אור" דאַרף זיין אין אַן אופן, אַז ער בלייבט ניט שטיין אויף אַן אָרט, נאָר זיין לייכטן איז מיט אַ שטענדיקע תנועה פון הליכה ועלי' („מעלין בקודש"[35]): נוסף אויף דעם וואָס ביי אים איז דאָ די מעלה פון הליכה בכלל (וואָס איז למעלה פון עמידה (אפילו פון עמידה בתוקף), ובלשון ההפטורה[36]: „מהלכים בין העומדים"[37]), איז זיין הליכה אין אַן אופן פון „עולה": עס קען זיין אַ הליכה באורך ורוחב, ד.ה. הליכה אין דעם זעלבן „שטח" און סוג עבודה, נאָר באופן פון התפשטות לאורך ורוחב; „עולה" איז דער טייטש, אַז ער שטייגט העכער פון דעם שטח און דרגא וואו ער איז געווען ביז דעמולט [ווי דאָס איז ביי אַ שלהבת בפשטות[38]] — אַ העכערער סוג עבודה.

און די „שלהבת עולה" איז — „מאלי'": דאָס ווערט זיין אייגענע טבע און מציאות, פון זיך אַליין לייכט ער.

וואָס דערצו דאַרפן זיין די אַלע תנאים בכדי אַז דער נר זאָל זיין אַ כלי מוכשר צו זיין אַ נר דולק מאליו, דורך האָבן אַ

32) סוכה נב, ב. קידושין ל, ב. וראה תניא פי"ג (יח, א).

33) ישעי' מא, ו.

34) ראה לקו"ת פרשתנו לג, ג.

35) ברכות כח, א. וש"נ.

36) זכרי' ג, ז.

37) ראה תו"א ס"פ וישב (ל, סע"א ואילך). לקו"ת שלח לח, ד. שה"ש כ, ב. ובכ"מ.

38) ראה תניא רפי"ט, בביאור הכתוב „נר ה' נשמת אדם", „שישראל הקרוים אדם נשמתם היא למשל כאור הנר שמתנענע תמיד למעלה בטבעו [„מאלי'"] מפני שאור האש חפץ בטבע ליפרד מהפתילה ולידבק בשרשו למעלה היסוד האש הכללי שתחת גלגל הירח כו'". וראה ד"ה כבוד מלכותך תרס"א (ע' קעו), שטבע העלי' שבאור הוא לא (כדבר נוסף עליו) מפני שמרגיש את מעלת מקורו, אלא מפני ביטולו והעדר מציאותו (וראה לקו"ש ח"ו ע' 112). ועפ"ז מובן מ"ש בהערה 40 (ולקמן בפנים), ש„עולה מאלי'" הוא העלי' למעלה מטבעו.



**בס"ד. חלק משיחת ש"פ בהעלותך, י"ט סיון ה'תנש"א**

**– ע"ד כולל חב"ד –**

א. בקשר למסיבת המלוה מלכה לטובת המוסד כולל חב"ד שמתקיימת במוצאי ש"ק פרשת בהעלותך – יש להזכיר ולעורר ע"ד גודל המעלה והחשיבות דכולל חב"ד:

ידוע ומפורסם ע"ד גודל החיבה וההשתדלות של רבותינו נשיאינו לטובת כולל חב"ד, החל מאדמו"ר הזקן, מייסד הכולל ונשיאו, אשר, בכו"כ אגרות קודש שלו[1] הפליא והגדיל במעלת הצדקה דכולל חב"ד, „צדקת ארץ הקודש", וחלקם נדפסו ביחד עם ספר התניא (ע"י בני הגאון המחבר) בתור חלק רביעי דספר התניא[2], ובהמשך לזה השתדלו לטובת כולל חב"ד כל רבותינו נשיאינו (ממלאי מקומו גם בנשיאות הכולל) בדורות שלאח"ז, עד לכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

וכיון שבהשגחה פרטית מתקיימת המסיבה לטובת הכולל במוצאי ש"ק – יש לקשר זה עם פרשת השבוע, פרשת בהעלותך, כדלקמן.

ב. „בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות"[3]:

„שבעת הנרות" – קאי על נשמות ישראל כפי שנחלקים לז' סוגים, „כי הנשמה קרוי' נר, כמ"ש[4] נר ה' נשמת אדם"[5], שדולק ומאיר (באופן ד„בהעלותך", „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'"[6], כנ"ל בארוכה) ע"י „נר מצוה ותורה אור"[7], וכיון שיש „ז' מדרגות בעבודת ה', יש עובד מאהבה וכו'"[5], כנגד שבעת המדות, מתחלקים נשמות ישראל לז' סוגים, „שבעת הנרות".

ו„מנורה", „מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא"[8] – קאי על כללות נש"י, „מנורת זהב כולה"[9] (כמ"ש בהפטורה דפרשתנו – בהעלותך).

ותוכן הציווי ד„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" – שכל פרטי הענינים ד„שבעת הנרות", ז' הסוגים דנשמות ישראל שמתחלקים לז' מדרגות בעבודת ה', יתאחדו ויתכללו בה„מנורה" שהיא ה„כלל" דשבעת הנרות, עד ל„פני המנורה", הפנימיות דהמנורה, „פנימיות רצון העליון הנמשך ומאיר מול פני המנורה"[10].

ויש להוסיף, שענין זה שייך גם בכאו"א מישראל בפרט – כי, בכל נשמה פרטית ישנם כל ז' המדות שכנגדם הם ז' אופני העבודה דשבעת המדות, היינו, שבכל נר („נר ה' נשמת אדם") ישנם

1) ראה לדוגמא אג"ק אדה"ז ס"א. ס"ג-ה. ועוד.

2) ראה תניא אגה"ק ס"ד: „צדקת א"י (ש)היא צדקת ה' ממש, כמ"ש תמיד עיני ה' אלקיך בה, והיו עיני ולבי שם כל הימים, והיא שעמדה לנו לפדות חיי נפשנו כו'". ושם ס"ח: „זריעת הצדקה . . שזורעין באה"ק התחתונה . . שהזריעה נקלטת תיכף ומיד בארץ העליונה בלי שום מניעה ועיכוב בעולם מאחר שאין שום דבר חוצץ ומפסיק כלל בין ארצות החיים כי זה שער השמים, משא"כ בחו"ל".

3) פרשתנו ח, ב.

4) משלי כ, כז.

5) לקו"ת ריש פרשתנו.

6) פרש"י ריש פרשתנו.

7) משלי ו, כג.

8) פרשתנו שם, ד.

9) זכרי' ד, ב.

10) לקו"ת שם ל, סע"ד.

יוצא יד״ח אפילו ווען לא ידע מאי קאמר[127])],

ובמיוחד – דורך זיינע „קול קורא׳ס״ פון „לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה״[128], און די הכרזה[129] אַז מ׳דאַרף נאָר „צופוצן די קנעפלעך״, און דערנאָך – די הודעה אַז מ׳האָט שוין דאָס אויך פאַרענדיקט, און עס דאַרף נאָר זיין „עמדו הכן כולכם״[130] צו גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה.

און דעריבער – דאַרף דאָס צוגעבן נאָכמער חיות און שמחה אין מסיים זיין די עבודה פון זיך גרייטן באופן פון „עמדו הכן כולכם״ צו דער גאולה, ובפרט – דורך מוסיף זיין אין „נר מצוה ותורה אור״ ובאופן אַז דאָס זאָל דערגרייכן און באַלכייטן דעם גאַנצן אַרום. ביז – בכל העולם כולו.

ותיכף ומיד ממש – גייען אַלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש (השלישי) ולקדש הקדשים, „בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[131].

127) שו״ע אדה״ז חאו״ח ס״נ. הל׳ ת״ת שלו פ״ב סי״ב־יג.

128) נדפסו באגרות קודש שלו ח״ה ע׳ שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ח״ו ע׳ תל ואילך.

129) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.

130) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ רעט. „היום יום״ טו טבת. ובכ״מ.

131) בא י, ט.



משיחות ש״פ בהעלותך, י״ט סיון ה׳תנש״א

פתילה ושמן וואָס איז גרייט („בטל״) אויף צו מקבל זיין די ליכט [כמבואר בפרטיות אין משנה וגמרא אין דעם פרק וסוגיא פון „במה מדליקין ובמה אין מדליקין״[39]], ועד״ז אין עבודת השם – הכשרת וביטול האדם ער זאָל קענען אויפנעמען און אָנהאַלטען דעם אור פון „נר מצוה ותורה אור״, באופן אַז ער זאָל ווערן אַ ברענענדיקען „שלהבת . . מאלי׳״, און באופן של עלי׳[40].

ה. און די עבודה – באופן פון „שלהבת עולה מאלי׳״ – דאַרף זיין סיי בנוגע צו זיך אַליין, סיי בנוגע צו דער עבודה מיט אַנדערע, און סיי בנוגע צו דער עבודה אין עולם (כדלקמן ס״ז).

בנוגע צו דער אייגענער עבודה:

הגם אַז די עבודה ב„נר מצוה ותורה אור״ פון אַ אידן הויבט זיך אָן און דאָס קומט בכח פון דעם אויבערשטן און פון זיינע עלטערן די צוויי שותפים בהולדתו (און מחנכים) – דאַרף דאָס אים אינגאַנצן דורכנעמען, אַזוי אַז ער ווערט אַ „שלהבת עולה מאלי׳״.

ווי דאָס איז אין „תורה אור״: לאחרי וואָס בתחלת לימוד התורה איז אַ איד אַ מקבל פון תורה און פון זיין מלמד און רב וועלכער לערנט מיט אים תורה – דאַרף ער דערנאָך האָרעווען אין פאַרשטיין תורה מיט זיין אייגענער הבנה והשגה, ביז אַז דאָס זאָל נחקק ווערן בזכרונו ובשכלו, ביז אין אַן אופן אַז די תורה ווערט מיט אים פאַראייניציקט (און ער דאַרף מער ניט אָנקומען צו זיין רב), ביז אַז „נקראת על שמו״[41] דערפאַר וואָס „תורה דילי׳ היא״[42] („מאלי׳״), ביז אַז אדרבה – ער ווערט אַ מחדש און משפיע אין תורה, באופן פון „שלהבת עולה מאלי׳״.

[ובכללות יותר – דער אויפטו פון מתן תורה: אע״פ וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן צו אידן און בכחו של הקב״ה קענען אידן לערנען תורה (בדוגמא ווי „בהעלותך את הנרות״ דוקא בכח המדליק), איז דאָס געגעבן געוואָרן באופן אַז תורה „לא בשמים היא״[43], אָפּגעגעבן דוקא צו אידן נשמות בגופים, און דוקא ב״ד שלמטה האָט דעם כח צו פסק׳נען די הלכה[44], ביז אַז דער אויבערשטער אַליין כביכול און ב״ד שלמעלה קומען הערן ווי דער פס״ד איז למטה[45], און קוב״ה „קא חייך ואמר נצחוני בני נצחוני״[46] – וואָרום די תורה (שבמנורה) למטה ווערט באופן פון „שלהבת עולה מאלי׳״].

ועד״ז אין דעם אייגענעם לימוד: ער לערנט אַן ענין אין תורה אַ ריבוי פעמים ווי בימיהם – „שונה פרקו מאה פעמים״[47],

39) שבת כ, ב ואילך. – ובגמ׳ שם כא, א (וכן ברמב״ם שבהערה 24): פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת אין מדליקין בהן במקדש . . שתהא שלהבת עולה מאלי׳ ולא שתהא עולה על ידי דבר אחר.

40) והגם שענין העלי׳ מורה שהוא עולה ויוצא ממציאותו הקודמת, ובמילא אין זה, לכאורה, ענין של „מאלי׳״ (מציאותו עצמה) – הרי אמיתית מציאותו („מאלי׳״) של יהודי היא – שהוא „עולה״ תמיד (מפני ביטולו להקב״ה). וראה שיחת ש״פ בהעלותך תשמ״ט (ס׳ השיחות ח״ב ע׳ 528 ואילך). ד״ה בהעלותך תשכ״ט ס״ט (סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ שב).

41) ע״ז יט, א.

42) קידושין לב, ריש ע״ב (וראה בפרש״י שם).

43) נצבים ל, יב.

44) ב״מ נט, ב. שבת פט, א. שמו״ר פט״ו, ב. וראה ב״מ פו, א: מאן נוכח רבה בר נחמני (וראה כס״מ להרמב״ם הל׳ טומאת צרעת ספ״ב).

45) שמו״ר שם. דב״ר פ״ב, יד.

46) ב״מ שם.

47) חגיגה ט, ב.

ווי ס׳איז געווען די רגילות בימיהם (בזמן הש״ס)[48] — ביז אַז דאָס ווערט נחקק בזכרונו, אַזוי אַז ער דאַרף ניט אָנקומען נאָכאַמאָל דאָס לערנען, נאָר „מאליו״ — ווערט עס דערמאָנט בשכלו וזכרונו;

[ואעפ״כ דאַרף ער לערנען נאָך אַ מאָל (מאה פעמים ואחד[47]) — ניט ווייל עס פעלט אין דעם „מאליו״ (דאדרבה: ביי אים איז דער „מאליו״ בשלימות, הרגל נעשה טבע[49] (שני[50])), נאָר בכדי משנה און מוסיף זיין אויף רגילותו[48] — (וואָס דע־מולט ווערט ער אָנגערופן[51] „עובד אלקים״)].

ועד״ז אויך אין „נר מצוה״, קיום ה־מצוות: שלימות העבודה איז בשעת ער געוואוינט איין זיין גוף הגשמי צו מקיים זיין מצוות, באופן פון „מאליו״ — ע״ד „כי מטא למודים מנפשי׳ כרע״[52] [און צוזאַמען דערמיט איז דאָס ניט אין אַן אופן פון „מצוות אנשים מלומדה״[53], נאָר באופן פון — „מעלין בקודש״[35] (בהידור מצוות וכיו״ב)].

ונוסף אויף דעם וואָס זיין עבודה בתומ״צ דאַרף זיין באופן פון „שלהבת עולה מאליו״, דאַרף אַזוי אויך זיין בנוגע צו זיין עבודה אין עניני הרשות (כל מעשיך יהיו לשם שמים און בכל דרכיך דעהו[28]) — אַז זיין מציאות בכל המעת־לעת (ניט נאָר בזמן התורה והתפלה וקיום המצוות) איז אַזוי דורכגענומען מיט „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״[54], אַז אין „כל מעשיך״ און „כל דרכיך״, אין אַלע זאַכן וואָס ער טוט — אויך ווען ער עסט און שלאָפט און פאַרנעמט זיך מיט זיינע געשעפטן בעניני העולם — איז ער אַ „שלהבת עולה מאליו״, פון זיך אַליין פירט ער זיך אויף אין אַלע ענינים „לשם שמים״ און „דעהו״.

און אַזוי דאַרף אויך זיין בנוגע צו דער עבודה מיט אַנדערע[55]: די אמת׳ע און שלימות׳דיקע השפעה אויף אַ צווייטן, איז דוקא ווען יענער ווערט אַ „שלהבת עולה מאליו״ — אַז אויך ווען דער משפיע ורב גייט אַוועק, בלייבט ער פון זיך אַליין אַ לייכטנדיקע ליכט אין „נר מצוה ותורה אור״ און אין דברי רשות (ניט נאָר אין מעשה נאָר אויך אין מחשבה ודיבור), וואָרום דאָס איז געוואָרן זיין מציאות, זיין טבע ורגילות, באופן אַז ער קען שטיין אויף די „אייגענע פיס״, און ניט דאַרפן אָנקומען צו זיין רב ומחנך — „שלהבת עולה מאליו״.

ו. ויש לומר נאָכמער: די עבודה „מאליו״ גופא קען זיין אויף צוויי אופנים:

(א) אע״פ וואָס מצד עצמו איז דער גוף הגשמי פון אַ אידן לכתחילה ניט מאיר ב„נר מצוה ותורה אור״ און „כל מעשיך לשם שמים״ כו׳, אַרבעט מען איבער דעם גוף און מ׳געוואוינט אים איין באופן אַז הרגל נעשה טבע שני[50], ביז טבע ראשון[49], ער זאָל מקיים זיין תומ״צ „מאליו״. דאָס איז אָבער ווי אַ דבר נוסף אויף זיין מצי־

48) תניא פט״ו (כא, א).

49) תניא פמ״ד (סג, ב).

50) תניא פט״ו שם. שם ספי״ד. שבילי אמונה נתיב ד שער ב. שו״ת הרמ״ע מפאנו סל״ו.

51) מלאכי ג, יח. חגיגה שם.

52) תוד״ה עיון — שבת קיח, ב, מירושלמי ברכות פ״ב סה״ד.

53) ישעי׳ כט, יג. ובתניא פל״ט (נג, ב): פי׳ מחמת הרגל שהורגל כו׳. וראה תו״א ר״פ וארא (נה, ב). המשך תרס״ו ע׳ שיד ואילך. סה״מ קונטרסים ח״ב שטז, ב.

54) תהלים טז, ח. וראה שו״ע או״ח רס״א. שו״ע אדה״ז שם ס״ז.

55) ראה גם שיחת ש״פ בהעלותך תשמ״ט (ס׳ השיחות ח״ב ע׳ 525 ואילך). ועוד.





באופן אַז „כל שרי המדינות גו׳ מנשאים את היהודים״[119], כידוע אַז כמה פון די שרי הממשלה פלעגן געבן זייערע נכסים צו אידן [„משה׳קע״ — ווי די גויים האָבן זיי אָנגערופן, דמזלייהו חזו בחי׳ משה שבכאו״א מישראל[120]] אַז די אידן זאָלן דערמיט אָנפירן, און די אידן האָבן דאָס אויסגענוצט אויף ענינים טובים וקדושים לפי דעתם דבנ״י ושכלם („לדעתך״), ע״ד „ונצלתם את מצרים״[121] (היפך ווי די גויים האָבן אויסגענוצט די נכסים ווען דאָס איז געלעגן באַ זיי אין די הענט, כידוע).

דערפון איז דאָ אַ רמז אין עבודת השם (כידוע[122] אַז מ׳דאַרף אַרויסנעמען אַ הוראה פון יעדער זאַך וואָס מ׳הערט אָדער מ׳זעט): לכל לראש דאַרף אַ איד וויסן, אַז גלות איז חושך ולילה, און ס׳איז נאָר וואָס מ׳נעכטיקט דאָרטן (אָבער דאָס איז ניט זיין מקום ומצב האמיתי). צוזאַמען דערמיט — דאַרף מען וויסן אַז מ׳דאַרף אויסנוצן דאָס וואָס „פה לין״ גופא (באופן פון „עולה מאליו״) לטוב וקדושה — ביז אַז דעם אידן ווערט לא איברי לילה אלא לגירסא[123] — דורך אויסנוצן די מנוחה פון דעם אָרט אויף (מוסיף זיין ב)לימוד התו־רה, כולל אויך בפשטות אין מדינת פולין בפשטות — צוזשטעלן וואו מ׳דאַרף דאָס האָבן אַ רב ומורה דרך, און די וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט מחזיר זיין לתשובה די אידן וואָס לעבן דאָרט וכו׳.

יד. ובכל זה קומט צו נאָכמער הדגשה בדורות האחרונים, בעקבתא ועקבתא דעקבתא דמשיחא ובפרט בדורנו זה, דער דור האחרון פון גלות:

אע״פ וואָס „אכשור דרי״[124] (בתמי׳), ובפרט אין עקבתא דעקבתא דמשיחא כמבואר בחותם מסכת סוטה, און אויך די מעלות פון דעם דור קומען אַלס המשך פון די דורות שלפני זה, און מ׳באַקומט די אַלע כחות און דעם ריבוי העבודה ב־תומ״צ פון די דורות שקדמו, ביז אַז די „הדלקה״ פון די „נרות״ פון דעם דור קומט אַלס תוצאה פון דער עבודה והד־רכה פון דעם דור שלפני זה וכו׳ — האָט מען אָבער דעם כח, אַז דערנאָך אָבער מיד — זאָל זיין „שלהבת עולה מאליו״.

ואדרבה: דוקא דער עקב שברגל, דער דור הכי אחרון, האָט דעם כח צו זיין „עולה מאליו״ און אויפהויבן די אַלע דורות שלפני זה, דורך דעם וואָס דער דור האחרון פון גלות ווערט דער דור הראשון פון גאולה — די גאולה פאַר אַלע אידן במשך כל הדורות!

ובפרט אַז הרועה[125] אהרן הכהן שבדורנו — כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו — האָט באַוויזן בגלוי זיין אהבה צו אַלע אידן, כולל — „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה״, דורך זיינע פעולות רבות אין הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה [ובפרט ע״פ הידוע[126] אַז בדורנו זה זיינען ניטאָ אַזוינע עמי־הארצים ווי בדורות הראשונים, וואָרום היינט האָט יעדער איד אַ שייכות וידיעה אין תורה (עכ״פ אין תושב״כ, אין וועלכע מ׳איז

סס״א: ביושבי תחת המלך מפולין מלכות קרקוב וסביבותי׳ אשר מקדם ומאז חשבו לפליטה לבני גולה.

119) אסתר ט, ג.

120) ראה תניא רפמ״ב.

121) שמות ג, כב.

122) כש״ט סקצ״ז ואילך. וש״נ.

123) ראה עירובין סה, א. רמב״ם הל׳ ת״ת פ״ג הי״ג.

124) יבמות לט, ב. וש״נ.

125) שכן נקרא אהרן במקרא מפורש „שלשת הרועים״ (זכרי׳ יא, ח. וראה תענית ט, סע״א).

126) ראה תו״א מקץ מא, א. סה״מ תקס״ח ח״ב ס״ע תרמט ואילך.

יג. ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס אין דער וואָך פון פ' בהעלותך (וקורין פ' שלח בשבת בתפלת מנחה) ווערט די עלי' ושלימות („ויכולו"[108]) פון חמשה עשר בסיון, ווען עס ווערט „קיימא סיהרא באשלמותא"[109] פון חודש סיון – די מעלה ושלימות פון אור הלבנה, און פון ישראל הדומין ומונין ללבנה[110], והם עתידים להתחדש כמותה[111].

און פון ט"ו סיון קומט מען צו ט"ז – ד' פעמים ד' – סיון, און טו"ב סיון, און ח"י סיון, ביז דעם שבת י"ט סיון, וועלכער פירט דערנאָך אַריין אין יום ראשון כ"ף סיון – וואָס האָט מעלת התשובה ומעלת הצדיקים יחד, עת רצון תענית כ"ף סיון[112], די עבודה פון „שלהבת עולה מאלי'" אָבער במצב טוב:

דער מגן אברהם שרייבט[113], אַז „נוה־גין להתענות עשרים בסיון בכל מלכות פולין". אעפ"כ האָבן רבותינו נשיאינו זיך אַזוי ניט געפירט, אפילו אין דעם זמן ווען כ"ק מו"ח אדמו"ר איז געווען אין פולין (און כמה האָבן זיך דעמולט געפירט דאָרטן פאַסטן).

ויש לומר אַז דאָס איז ניט באופן אַז באַ רבותינו נשיאינו האָט געפעלט ח"ו די מעלה פון תענית בעשרים בסיון, נאָר אדרבה: מ'האָט די מעלה שבזה – דורך ניט פאַסטן (ע"ד מעלת פורים שלגבי יום (שהוא) כפורים). ובפרט ע"פ הידוע די מעלה גדולה אין עשרים – בגימטריא כתר[114]. ויש לומר אַז דאָס איז ע"ד די מעלה פון תשובה בעבודת הצדיקים (לאתבא צדיקיא בתיובתא[115]).

ולהוסיף בהשייכות מיט „מלכות פולין" דוקא: ס'איז ידוע אַז בשעת די ערשטע אידן זיינען געקומען לעבן אין פולין, האָט מען געזאָגט אַז „פולין" איז מלשון „פה לין", אַז דאָ וועט מען נעכטיקן בזמן ומקום הגלות[115*]. [און דאָס איז דער טעם אמיתי פאַרוואָס די אומה האָט אַזוי אָנגערופן די מדינה – דאע"פ אַז איהו לא חזו מזלייהו חזו[116]].

ולהוסיף, אַז לינה איז בלילה דוקא, וואָס (חושך ה)גלות איז בדוגמת ענין הלילה[117]. ד.ה. אַז דער טייטש פון „פה לין" איז – אַז דאָס לעבן במקום זה איז נאָר אַן ענין פון נעכטיקן, בזמן הגלות, אָבער דערנאָך וועט מען דערפון אַרויס־גיין און קומען צו דעם מקום האמיתי פון יעדער איד – ארץ ישראל, בגאולה ה־אמיתית והשלימה. אָבער לאידך גיסא – איז דאָס פאָרט אין אַן אופן פון „לין", אַז הגם וואָס מ'איז נאָך אין גלות העלפט דער אויבערשטער אַז מ'האָט וואו צו נעכטיקן במנוחה (לפי ערך).

– ווי ס'איז געווען אין די גוטע יאָרן אין פולין, אַז די אידן האָבן דאָרט גע־לעבט במנוחה[118], ובזמנים מיוחדים –

108) בראשית ב, א. וראה לקו"ת בהר מא, א. אוה"ת עה"פ. ועוד.

109) זח"א קנ, רע"א. ועוד.

110) סוכה כט, א. ב"ר פפ"ו, ג.

111) סנהדרין מב, א.

112) נזכר במג"א או"ח סו"ס תקפ (נעתק לקמן בפנים).

113) שם. וראה גם מג"א שם סתקס"ח סק"ח.

114) לקו"ת שה"ש לה, ג.

115) ראה לקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. ובכ"מ. וראה זח"ג קנג, ב.

115*) וראה סה"מ תקס"ה ח"א ע' קו־קז. אוה"ת וישב (כרך ו') תתרפב, סע"ב.

116) ראה מגילה ג, א. סנהדרין צד, רע"א.

117) ראה זח"ג סז, ריש ע"ב. ועוד.

118) ראה שו"ת הרמ"א סצ"ה: עדיף טפי פת חריבה ושלוה במדינות אלו [פולין] . . אשר אין שנאתם גברו עלינו כמו במדינת אשכנז, מי יתן והי' עד ביאת משיחנו. וראה גם תשובות מהר"ם מינץ





אות – ווייל ער (זיין גוף הגשמי) מצ"ע איז ניט געווען שייך צו דער עבודה, והראי' אַז מ'דאַרף אים אין דעם מרגיל זיין, נאָר דורך „הרגל – נעשה טבע" [נוסף לזה, איז טבע עצמו פאַרבונדן מיט אַ מדידה והגבלה, ע"פ הגבלת הטבע שלו].

(ב) דורך דעם וואָס מ'איז מגלה ווי די מציאות פון אַ אידן – אויך זיין גוף הגשמי – איז פאַרבונדן מיט דעם אויב־ערשטן, ובלשון הידוע[56]: די מציאות האמיתית פון דעם יש הנברא איז דער מציאות פון דעם יש האמיתי – איז די עבודה פון אַ אידן בתומ"צ (קיום רצון ה') ניט ווי אַ דבר נוסף, גלייך בפעם הרא־שונה (אפילו אָן די עבודה פון הרגל נעשה טבע), וואָרום זיין מציאות עצמה איז פאַרבונדן מיט דעם יש האמיתי, און באַ דעם אויבערשטן כביכול איז ניטאָ קיין חילוק צווישן דעם פעם הראשונה און פעם השני', השלישית וכו'.

ויש לומר, אַז דער סדר העבודה דאַרף זיין, אַז פריער – בתחלת העבודה (בשעת דער גוף איז מעלים אויף אור הנשמה און תומ"צ), דאַרף זיין די עבודה באופן פון הרגל נעשה טבע, דורך איבעראַרבעטן דעם גוף; און דורך דעם איז מען מגלה – דעם כח העצמות אין דעם גוף פון אַ אידן.

ז. וע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו דער עבודה פון דעם מענטשן (אויף זיך און אויף אַנדערע) – דאַרף אַזוי אויך זיין בנוגע צו דער עבודה אין עולם:

דורך דעם וואָס אַ איד טוט אַ מצוה מיט אַ דבר גשמי שבעולם (וואָס רוב מצוות זיינען דוקא בדברים גשמיים[57]) – ווערט אַ בירור וזיכוך אין דעם דבר גשמי, ביז אַז בכמה ענינים ווערט עס אַ חפצא של קדושה (ווי במצות מילה וכיו"ב).

וואָס הגם אַז קדושת החפצא ווערט דוקא דורך דעם אדם המקדש את הדבר, דוקא דורך דעם אדם המקיים את המצוה – איז אָבער דערנאָך ווערט די קדושה נקבע אין דעם דבר גשמי, אַזוי אַז אויך לאחרי (זמן) קיום המצוה וקידוש החפצא, פאַרבלייבט דאָרט די קדושה[58] [ועד"ז דער בירור וזיכוך בכל הדברים גשמיים מיט וועלכע מ'איז מקיים אַ מצוה], באופן פון „מאלי'".

ביז נאָכמער, אַז דער חפץ האָט בכח אַז אַן אדם זאָל דערמיט מאַכן אַ שבועה בנקיטת חפץ של קדושה[59], ד.ה. אַז דוקא דורך דעם חפץ של קדושה ווערט אויפ־געטאָן אַ שבועת האדם (וואָס וואָלט ניט געווען דורך שבועת האדם בפני עצמו[60],

56) ראה ביאוה"ז לאדהאמ"צ בשלח מג, ג. – וכדמשמע שם, שענין זה הוא בעיקר בנוגע לגוף ישראל. וראה סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 520 הערה 42. וש"נ.

57) תניא פ"ד (ח, ב). אגה"ק ס"י (קיד, ב ואילך). ובכ"מ.

58) ראה בכ"ז בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 212 ואילך. וש"נ.

59) שבועות לח, סע"ב. רמב"ם הל' שבועות פי"א ה"ח. שו"ע חו"מ ספ"ז סי"ג.

ובדוגמת זה הי' אצל אברהם (גם קודם מ"ת) כאשר השביע את אליעזר באמרו (חיי שרה כד, ב) „שים נא ידך תחת ירכי" (אף שזה היפך הצניעות), „לפי שהנשבע צריך שיטול בידו חפץ של מצוה" (פרש"י שם), והחפצא של מצוה היחידי קודם מ"ת הי' במצות מילה (ראה בארוכה לקו"ש ח"א ע' 40. ח"ג ע' 760. חט"ז ע' 213). [וצ"ע הטעם שלא השביע אותו בחפצא דקדושה של קרבנות, שכיון שכל ענין הקרבן הוא שמשתנה מציאותו להיות עולה לה', מסתבר לומר, שגם בקרבנות שלפני מ"ת ישנו הגדר דחפצא דקדושה].

60) ו„הדיינין שהשביעו בלא נקיטת חפץ בידו הרי אלו טועים, וחוזר ונשבע וספר תורה בידו" – רמב"ם שם הי"א, משבועות שם. רמ"א חו"מ שם.

אע"פ וואָס קדושת החפץ איז געוואָרן דורך דעם אדם), אַז ער ווערט געבונדן צו מקיים זיין די שבועה[61] [און אויך שבועה מלשון שובע, אָנגעזעטיקט מיט די כחות וואָס קומען דורך אַ שבועה, כידוע דער פירוש[62] אין „משביעין אותו תהי צדיק כו'"[63]] — וואָס דאָס באַווייזט אַז דער כח הקדושה אין דעם חפץ איז געוואָרן „עולה מאלי'" פון דעם חפץ עצמו, און דאָס טוט אויף אין שבועת האדם (גם מלשון שובע[64]).

ווי דאָס איז בנוגע צו דער חפצא של קדושה פון קרבנות: הגם אַז קדושת הקרבן ווערט דורך דעם אדם המקדש את הקרבן, ווערט דער קרבן נתקדש בקדושת הגוף, וואָס אינה נפקעת[65], די קדושה פאַרבלייבט באופן פון „מאלי'", ביז אַז דער קרבן איז מכפר על האדם (הגם אַז קדושת והקרבת הקרבן איז דוקא דורך אדם המקדיש והמקריב את הקרבן, כמ"ש[66] „אדם כי יקריב מכם קרבן לה'" (וכיו"ב)).

און דער חידוש בזה יש לומר, אַז אע"פ וואָס מצ"ע איז גשמיות העולם ניט פאַרבונדן מיט קדושה, און בכדי דאָרט ממשיך זיין קדושה, ביז באופן אַז דאָס זאָל אויפמאַכן אַז דערפון זאָל ווערן אַ חפצא של קדושה — דאַרף מען אָנקומען צו כחו של הקב"ה וועלכער איז מחבר הפכים (וואָס דאָס איז געגעבן געוואָרן באַ מ"ת, ווען ס'איז נתבטל געוואָרן די גזירה[67] בין עליונים ותחתונים)[68], האָט דער אויבערשטער געגעבן דעם כח (צו אַ אידן), אַז דורך טאָן אַ מצוה מיט אַ דבר גשמי זאָל דער גשמי אַליין ווערן אַ חפצא של קדושה באופן פון „עולה מאלי'", וואָס דאַרף כביכול ניט אָנקומען צו דעם כח עליון (וכח האדם) צו ממשיך זיין קדושה אין אים[69].

61) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 271 ואילך. וש"נ.

62) קיצורים והערות לתניא ע' נז. ד"ה תניא בספ"ג דנדה כו' וד"ה ועשית חג שבועות להצ"צ (קטעים מהם נעתקו בליקוט פירושים וכו' לתניא שם). סה"מ תרח"ץ ע' רלט.

63) נדה ל, סע"ב.

64) ושובע דקדושה הוא באופן ד„מעלין ב־קודש" („עולה").

65) חולין קלט, א. וגם בנוגע לקדושת דמים, ההלכה היא שאינה נפקעת (רמב"ם הל' שחיטה פי"ג ה"כ ובכסף משנה שם).

66) ויקרא א, ב.

67) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג.

68) ראה בארוכה לקו"ש ח"ג ע' 887 ואילך. ח"ד ע' 3521 ואילך. ובכ"מ.

69) ויש לומר הטעם לזה, שהוא מצד כח העצמות שביש הנברא (גשמיות העולם), ש„הוא לבדו (מהותו ועצמותו) בכחו ויכלתו לברוא יש מאין ואפס המוחלט ממש" (אגה"ק ס"כ — קל, ריש ע"ב), שענין זה מתגלה בהעולם ע"י קיום התומ"צ ב־גשמיות העולם (כפי שיהי' בשלימות הגילוי לע"ל, כמ"ש (ישעי' מ, ה) „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו גו'")*.

ואולי יש לומר באופן אחר, שמכיון שהוא ית' כל יכול, ואינו מוגדר בשום גדר ח"ו — הרי ביכלתו ליתן כח בהנבראים, שלאחרי שממשיכים בהם קדושה (ע"י קיום מצותו של הקב"ה) ה"ז „עולה מאלי'". ועפ"ד המדובר במ"א (לקו"ש חכ"ז ס"ע 252 ואילך. ועוד) בנוגע להתהוות הנבראים, שביכלתו ית' להמציא הנמצאים באופן כזה שלאחרי שנמצאו לא יהיו צריכים אליו דאף שע"פ שכל מוכרחת להיות התהוות הנמצאים באופן שיהיו תמיד צריכים אליו (וכמבואר בתניא (שעהיוה"א פ"ב. וראה בארוכה ד"ה ת"ר נ"ח תרמ"ג (ע' לו ואילך). ובכ"מ) דענין בריאת יש מאין מחייב שכח הפועל צריך

*) ועפ"ד המבואר לעיל (ס"ה) בנוגע לישראל. אלא שבישראל, הרי מציאותם גופא הוא (כביכול) העצמות, משא"כ כח העצמות בעולם (ראה לקו"ש חי"ב ע' 75. סה"ש תשמ"ח שבהערה 56).





און פון דעם ווערט נמשך דער כח אויף טאָן די עבודה אין עולם כפשוטה, און אויך איבערמאַכן די דברים הכי תחתונים שבעולם אַז „מאלי'" זאָלן זיי לייכטן באור אלקי.

און דער כח אויף דעם קומט פון דעם ספר שלפניו החמישי (סיום המדות) — „ויהי[2] בנסוע הארון ויאמר משה קומה ה' ויפוצו אויבך וינוסו משנאיך מפניך" (בירור הלעו"ז), ובנוחה יאמר שובה ה' רבבות אלפי ישראל (השראת השכינה[96] — גילוי הקדושה).

יב. ועד"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו פרשת המרגלים (בפ' שלח), ובהקדים השאלה: (א) ווי קומט אַז די תורה זאָל דערציילן בפרטיות פרשת המרגלים, וואָס איז בגנותן של המרגלים — ווען די תורה איז זהיר אפילו פון רעדן בגנותה של בהמה אינה טהורה[97]? (ב) די הפטורה, וואָס דאַרף דאָך זיין „מעניין הפרשה"[98], רעדט זיך וועגן שליחת מרגלי חרש ע"י יהושע'ן[99] וועלכע האָט זיך אויסגעפירט בשלימותה — פונקט פאַר־קערט פון מעשה המרגלים בפרשתנו.

וי"ל נקודת הביאור בזה: די כוונה אין דעם וואָס די תורה דערציילט פרשת המרגלים — איז בכדי אַרויסברענגען דעם עילוי וואָס קומט אַרויס אויך פון מעשה המרגלים — ווי עס קומט אַרויס בגלוי אין דער הפטורה, אַז דורך שילוח המרגלים ע"י יהושע, וואָס י"ל אַז ער האָט דאָס אָפּגעלערנט פון משה רבינו, ויהושע לא ימיש מתוך האוהל[100], און ער איז „כפני לבנה" וואָס שפיגלט אָפּ „פני חמה" פון משה'ן[101] — האָט זיך אויסגעפירט במילואה שליחותו של משה ודעתו שהוא לכבוש את הארץ בשילוח המרגלים. וכמודגש בקרא אַז יהושע איז געווען פון די מרגלי משה, און ער (מיט כלב) האָבן אויסגעפירט שליחותם כדבעי, ביז אַז זיי האָבן געזאָגט[102] אַז „טובה הארץ מאד מאד"[103].

[נאָכמער: אויך די כוונה פון די מרגלים איז געווען בפנימיות לטוב, ובאותה שעה כשרים היו[104], כמבואר אין ספרים[105] — אַז מצד גודל מעלתם זאָגט מען[106] אַז „אין להם חלק לעוה"ב", ווייל זיי זיינען העכער פאַר אַ חלק לעוה"ב].

און אין דעם זעט מען אויך דעם ענין פון „שלהבת עולה מאלי'": דורך דעם וואָס יהושע האָט לכאורה זיך אָפּגע־לערנט פון משה'ן צו שיקן מרגלים [ול־העיר אַז שילוח המרגלים ע"י משה איז געווען „לדעתך"[107], ע"ד „מאלי'"] — האָט ער דערנאָך אַליין — „מאלי'" — געשיקט מרגלים און זיי האָבן אויסגעפירט שליחותם און דערנאָך האָט יהושע דוקא אַריינגעפירט אידן אין ארץ ישראל מיט די אַלע מעלות שבזה. ויומתק בזה וואָס יהושע איז „כפני לבנה" — וואָס לבנה איז מקבל פון „פני חמה" (משה), אָבער דער־נאָך ווערט דאָס אַן אור משלה („עולה מאלי'"), מעלת אור הלבנה.

96) ראה יבמות סג, סע"ב ואילך. ספרי ופרש"י עה"פ.

97) פסחים ג, א. ב"ב קכג, א.

98) טושו"ע או"ח ר"ס רפד. שו"ע אדה"ז שם וסרפ"ג. טואו"ח סתכ"ח. רמ"א שם סכ"ח.

99) יהושע ב, א ואילך.

100) תשא לג, יא.

101) ב"ב עה, א.

102) שלח יד, ז.

103) ראה לקו"ת בפרשתנו עה"פ.

104) פרש"י שם יג, ג.

105) ראה לקו"ש חכ"ג ע' 102. וש"נ.

106) משנה סנהדרין קח, א.

107) סוטה לד, ריש ע"ב (כגירסת הע"י). פרש"י ר"פ שלח.

[בדוגמא ווי דאָס איז בפשטות ענין הנרות, אַז מ'דאַרף האָבן דעם אדם המדליק צו אָנצינדן דעם נר, וואָרום די פתילה גשמית און שמן גשמי מצ"ע קענען זיך אַליין ניט אָנצינדן; אָבער לאחרי וואָס מ'צינדט זיי אָן באופן המתאים — ברענען זיי „מאלי'", די פתילה גשמית און שמן גשמי ווערן דער מקור אויף דעם אור הנר (און בשעת עס בלייבט ניט קיין פתילה און שמן, לעשט זיך דאָס אויס)].

ח. ועד"ז איז דאָס אויך בנוגע צו די עבודה בעניני רשות: „כל מעשיך" פון אַ אידן דאַרפן געטאָן ווערן „לשם שמים", און נאָכמער — „בכל דרכיך דעהו", ד.ה. אַז נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז לשם שמים (לדוגמא, אַז ער עסט בכדי ער זאָל האָבן כח לערנען תורה און מקיים זיין מצוות), מאַכט מען דערפון גופא אַ הכשר מצוה וכיו"ב, ביז אַז „דרכיך" גופא ווערן (אַ חלק פון) „דעהו" עצמו[70]. און ניט נאָר וואָס מ'דאַרף ניט אָנקומען אַז דער איד זאָל דאָס דאַרפן יעדער מאָל פון־דאָס־ניי טאָן, נאָר אדרבה: דער דבר של רשות עצמו איז „עולה מאלי'", און איז אים מעורר אויף זיין עבודה.

ווי פאַרשטאַנדיק בפשטות אויך בא אַ קינד — כמדובר לעיל (ס"ב) אַז די הוראה פון „שלהבת עולה מאלי'" (וואָס שטייט אין פרש"י — לבן חמש למקרא) איז פאַר אַלע אידן, אויך פאַר טף:

בשעת מען איז קובע אין דעם צימער פון קינד אַ חומש, אַ סידור, אַ צדקה־פושקע וכיו"ב[71] — דאַרף מען דאָס קובע זיין אין אַזאַ אָרט און אַזאַ אופן, אַז לאחרי וואָס מ'האָט עס קובע געווען, דאַרף עס מערניט אָנקומען צו דעם אדם הקובע, און אפילו ניט צו דעם קינד, אַז ער זאָל געדענקען צו נוצן דעם חומש וכיו"ב, נאָר ווען ער גייט אַריין אין צימער איז דער חומש עצמו „עולה מאלי'" און איז אים מעורר ער זאָל אַ קוק טאָן און לערנען אין דעם; ועד"ז דער סידור. ועד"ז די צדקה־פושקע — ליגט אין אַזאַ אָרט ובאופן בולט כזה, אַז דאָס איז דעם קינד מעורר ער זאָל דאָרט אַריינוואַרפן אַ פרוטה לצדקה.

ועד"ז אין אַלע ענינים פון חינוך ילדי ישראל, און דערפון אויך מובן בנוגע צו די דברי רשות פון ערוואַקסענע, ועאכו"כ דורך קיום המצוות שלהם — אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין אַן אופן, אַז די חפצא אַליין (מיט וועלכע מ'טוט אַ מצוה) — איז „עולה מאלי'", ביז אַז דאָס דער־מאָנט דעם אידן אויף זיין עבודה.

ט. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין דעם ענין פון „ויהי העם כמתאוננים" — די התחלה פון דעם ספר ששי פון די „שבעה ספרי תורה", און די שייכות מיט פ' בהעלותך:

דער אינהאַלט פון „בהעלותך את ה־נרות" — „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" — איז, אַז די עבודה פון אַ אידן דאַרף זיין אין אַן אופן אַז ער צינדט אָן און באַלייכט

להיות תמיד בהנפעל להוותו מאין ליש) — הרי, מכיון שהוא ית' הוא „נמנע הנמנעות" (ראה שו"ת הרשב"א סתי"ח. הובא בספר החקירה להצ"צ לד, ב. סה"מ תרע"ח ע' תכ. ועוד), הרי ההוכחות דשכל אינם ראיות באיזה אופן היתה הבריאה. אבל בנוגע להתהוות — יש מקור בתורה, וכן קיבל אדה"ז מרבותיו, שההתהוות היא בכל רגע ורגע מחדש (שעהיוה"א פ"א); משא"כ בנוגע להמשכת הקדושה בהנבראים, י"ל שלאחרי שנמשך פעם הא' הקדושה בתוכם (ע"י קיום מצוה בדבר הגשמי), הרי הקדושה „עולה מאלי'", כנ"ל. ועצ"ע. ואכ"מ.

70) ראה לקו"ש ח"ג ע' 907. שם ע' 932. ח"י ע' 104 ואילך. ובכ"מ.

71) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 420.



משיחות ש"פ בהעלותך, י"ט סיון ה'תנש"א

אויך אויפטאָן בעולם שנברא בשבע ימי בראשית (ו„כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם"[87]), דערפאַר איז אויך דאָ די חלוקה אין „שבעה ספרי תורה", כולל די דרגא הששית והשביעית, דער מקור ההשפעה בעולם.

יא. דאָס איז אויך מתאים מיט דעם תוכן פון די „שבעה ספרי תורה": די ערשטע פינף ספרים — וואָס תוכנם הכללי ווערט אָנגעדיידעט אין זייערע נעמען (בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, און ויהי בנסוע הארון) — זיינען פאַרבונדן (ובפרט התחלת הספרים) בעיקר מיט קדושה (בריאת העולם, שמות בני ישראל, ויקרא אל משה, מנין בני ישראל במדבר סיני[88], ויהי בנסוע הארון — תורה), משא"כ דער ספר הששי הויבט זיך אָן מיט אַן ענין בלתי רצוי — „ויהי העם כמתאוננים", און דערנאָך וועגן חטא מרים און דערנאָך — חטא המרגלים בפ' שלח, און מעשה קרח בפ' קרח וכו' [און אויך דער ספר השביעי — „אלה הדברים", „דברי תוכחות"[89]], וואָרום פון דעם ספרי הששי אין תורה — ווערט אַ נתינת מקום אַז לאחרי ריבוי השתלשלות זאָל זיין אַ ירידה בעולם, דעריבער הויבט זיך דער ספר אָן מיט אַן ענין של ירידה בתורה עצמה [אָבער שטייענדיק אין תורה איז דאָס אַלץ קדושה — ע"ד „יעקב[90] ועשו האמורים בפרשה"[91], נאָר פון דעם סיפור בתורה ווערט דערנאָך די נתינת מקום לאחרי השתלשלות כו' אויף דער ירידה בעולם];

אָבער לאידך גיסא, איז דאָס אויך אַ ספר אין תורה, און נאָכמער — דער ספר הויבט זיך אָן אין ובתוכו פ' בהעלותך את הנרות, וואָס איז כולל די הדלקה פון אַלע ז' נרות „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" — וואָס דאָס גיט דעם כח אַז דער אור אלקי פון „נר מצוה ותורה אור" זאָל דערגרייכן אויך אין אַ מצב של ירידה למטה („ויהי העם כמתאוננים"), ביז אַז אויך דאָרט זאָל אויפגעטאָן ווערן דער ענין פון „שלהבת עולה מאלי'" [וואָס דאָס באַווייזט אויף שלימות ואמתית העבודה, כנ"ל] — דורך עבודת התשובה, ביז שלימות התשובה (מאהבה), וואָס דורך דעם ווערט „עולה מאלי'" — די מעלה וואָס קומט אַרויס „מאלי'" דורך תשובה על החטא דוקא (וואָס איז ניטאָ בא צדיקים, ביז אַז במקום שבע"ת עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד בו[92]) — זדונות נעשו לו כזכיות[93], ביז זכיות ממש[94], „הואיל ועל ידי זה בא לאהבה רבה זו"[95].

ואולי יש לומר, אַז דאָס איז דער טעם פאַרוואָס התחלת ספר הששי איז מיט „ויהי העם כמתאוננים" און דאָס שטייט אין פ' בהעלותך את הנרות — וואָרום די כוונה אין דעם סיפור בתורה איז בכדי געבן דעם כח (פון תורה) אויף עבודת התשובה [וכמרומז אויך אים דעם וואָס עס שטייט „כמתאוננים", מיט אַ כ"ף הדמיון, ווייל אידן זיינען ניט שייך צו „מתאוננים" ממש, נאָר „כמתאוננים", מיט דער אמת'ער כוונה — אַז דערפון זאָל אַרויס די מעלה פון תשובה].

87) רמב"ם סוף הל' חנוכה (מספרי נשא ו, כג. ראה לקו"ש ח"ח ע' 340 ואילך).

88) ד„מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה" (פרש"י ר"פ במדבר).

89) ספרי ופרש"י ר"פ דברים.

90) ל' רש"י ר"פ תולדות.

91) ראה לקו"ש ח"כ ע' 342. וראה שם ע' 114. חט"ו ע' 198. ח"ל ע' 5־144. ס' השיחות תשמ"ח ח"א ס"ע 36 ואילך.

92) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד.

93) יומא פו, ב.

94) ראה לקו"ש חי"ז ע' 187 הערה 48.

95) תניא פ"ז (יב, א).

זיך און חלקו בעולם און די גאַנצע וועלט מיט „נר מצוה ותורה אור", ביז באופן „שתהא שלהבת עולה מאלי'", אַז אויך די מציאות האדם (זיין גוף הגשמי) — וואָס מצ"ע איז עס מעלים אויף אור הנשמה — זאָל זיין „שלהבת עולה מאלי'" ב„נר מצוה ותורה אור", און עד"ז אויך אויפטאָן אין מציאות העולם, דורך מאַכן פון די דברים גשמיים בעולם אַ חפצא של קדושה.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שלימות פון דער עבודה איז בשעת דער „בהעלותך את הנרות" „עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" ווערט אויפגעטאָן און נעמט דורך אַלע פרטי האדם און אַלע פרטי העולם, פון די ענינים נעלים ביז די ענינים הכי תחתונים — וואָרום די עבודה באופן פון „מאלי'" איז דאָך דער אבן הבוחן אַז די עבודה איז בתכלית השלימות וב־תכלית האמת אויך מצד מציאות האדם ומציאות העולם (און ניט נאָר מצד דעם כח העליון, אָדער עכ"פ פון דעם כח פון דעם מדליק את הנרות), און דערפאַר דאַרף דאָס דורכנעמען אַלע פרטי דרגות, ביז אויך דעם חלק הכי תחתון, אַז אויך דאָס זאָל לייכטן „מאלי'". ואדרבה: דוקא דורך דעם וואָס דער תחתון ביותר איז מאיר „מאלי'" מיט דעם אור אלקי, באַ־וווייזט דאָס אויף שלימות ואמיתית הענין פון עבודה „מאלי'" (אויך אין די דרגות נעלות יותר). ע"ד משל הידוע[72], אַז דוקא דורך אויפהויבן פון דעם חלק הכי תחתון פון אַ בנין, הויבט מען אויף דעם גאַנצן בנין, אויך די העכסטע דרגות פון בנין.

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דער ציווי פון „בהעלותך את הנרות" איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו אהרן כהן גדול (און ער האָט דאָס מקיים געווען בפועל) — וואָרום[73] ענינו של אהרן איז כמפורש במשנה[74] — „הוי מתלמידיו של אהרן כו') אוהב את הבריות ומקרבן לתורה": ער האָט אַ ליבשאַפט אפילו צו די „רחוקים מתורת ה' ועבודתו ולכן נקראי' בשם בריות בעלמא"[75] (זייער איינציקע מעלה איז וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן), „ומקרבן לתורה" — די „בריות" וואָס זיינען בדרגא הכי תחתונה איז ער מקרב צו תורה וואָס איז למעלה מכל העליונים, באופן כזה אַז ער איז זיי (די „בריות") עצמן מקרב צו תורה (און ניט ח"ו מקרב זיין תורה צו זיי[76]), ביז אַז זיי ווערן „שלהבת עולה מאלי'".

און פון דעם ווי דאָס ווערט אויפגע־טאָן באַ אידן (אַז אויך די „בריות" זיינען „עולה מאלי'") ווערט דערפון אויך נמשך דעם כח אין עולם, צו באַלייכטן אויך דעם חלק הכי תחתון שבעולם, ביז באופן אַז „שלהבת עולה מאלי'".

י. דער חילוק צווישן די צוויי עניני עבודה הנ"ל — (א) די אייגענע עבודה, און (ב) די עבודה בעולם, ובפרטיות — (א) די עבודה בעניני קדושה, און (ב) די עבודה אין עניני העולם, ביז אין דעם חלק הכי תחתון („בריות") — איז ע"ד דער חילוק צווישן מספר חמשה און מספר שבעה.

ווי דאָס איז אין קדושה (וואָס פון דאָרטן ווערט עס דערנאָך נשתלשל ל־מטה): סיי אידן און סיי תורה טיילן זיך אויף די צוויי חלוקות: די שבעה נרות המנורה זיינען כנגד די שבעה סוגים אין

72) תו"א בראשית ד, א.

73) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 315 ואילך. ובכ"מ.

74) אבות פ"א מי"ב. וראה בארוכה אדר"נ פי"ב.

75) תניא פל"ב (מא, ב).

76) ראה לקו"ש שם ע' 316. חט"ו ע' 198. ובכ"מ.





וועלכע עס טיילן זיך אַלע נשמות ישראל, כנגד די שבעה מדות: יש עובד מאהבה, יש עובד מיראה וכו', ביז מלכות[77]; און עד"ז איז דאָ אַ חלוקה פון אידן אויף חמשה דרגות כנגד חמשה חומשי תורה, וי"ל שנרמז זה אין היינטיקן פרק[78]: „חמשה תלמידים היו לו לרבן יוחנן בן זכאי", ומבואר במפרשים[79], אַז מ'מוז זאָגן אַז ריב"ז (וואָס ער איז געווען דער נשיא הסנהדרין, ביז אַז בבקשתו „תן לי יבנה וחכמי'"[80] איז דאָ קיום לימוד התורה עד היום הזה) האָט געהאַט מער ווי חמשה תלמידים, נאָר דער פירוש אין דעם איז — אַז אַלע זיינע תלמידים, און אַלע תלמידים ולומדי תורה בכלל (אַלע אידן — עליהם נאמר[81] „וכל בניך לימודי ה'"), טיילן זיך אויף די חמשה סוגים ודרגות[82].

אַזוי כנ"ל אויך תורה טיילט זיך אויף „שבעה ספרי תורה", און אויף „חמשה חומשי תורה".

איינער פון די חילוקים צווישן זיי (חמשה ושבעה): חמשה איז פאַרבונדן בעיקר מיט דער עבודה אין קדושה (ובכללות — די אייגענע עבודה), און שבעה באַדייט די עבודה אויך אין עולם („בריות"). ווי דאָס איז אין די מדות (ספירות) עליונות: די חמשה מדות פון חסד עד הוד זיינען כולל (עיקר) המדות, כידוע[83] אַז די ספירה חמישית (הוד) איז דער „סוף ותשלום הספירות בעיקר ה־מדות", און די ספירה הששית והשביעית (יסוד ומלכות) איז דער מקור ההשפעה לבי"ע[84], עלמא דפרודא[85].

און דאָס איז פון די אונטערשיידן צווישן ווי אידן טיילן זיך אויף שבעה דרגות (כנגד די שבעה נרות) — וואָס דאָס איז כולל אַלע דרגות פון אידן, אויך די דרגות תחתונות (ביז „הרחוקים מתורת ה' כו' בריות בעלמא"), כנגד די דרגא הששית והשביעית; און ווי זיי טיילן זיך אויף חמשה — אַלס לומדי חמשה חומשי תורה ופירושה כולו („חמשה תלמידים היו לריב"ז", וואָס כל ענינו איז געווען תורה וקדושה[86]), פאַרבונדן בעיקר מיט קדושה (די ה' ספירות).

ועד"ז איז אויך דער חילוק אין תורה צווישן די חלוקה ע"ד הרגיל אויף חמשה חומשי תורה (ע"ד די חמשה תלמידים) — וואָרום עיקר ענין התורה איז פאַרבונדן מיט קדושה; אָבער היות אַז תורה דאַרף

77) לקו"ת ריש פרשתנו (כט, ג). — ולהעיר, שבלקו"ת שם לא נזכר אודות העבודה שכנגד מדת היסוד (וכן לא בהעתקתו שבאוה"ת פרשתנו ע' שלז). וראה אוה"ת פרשתנו ע' של, שמבאר העבודה של מדת היסוד, ומוסיף: יסוד אינו מדה בפ"ע כ"א הוא כללות לכל הה' מדות הנ"ל.

78) פ"ב מ"ט.

79) ראה מדרש שמואל כאן, בשם הרשב"ץ.

80) גיטין נו, ב.

81) ישעי' נד, יג.

82) ראה מד"ש כאן: עיין (ריב"ז ב)כללות מזגיהם שבהם יכוללו פרטי שבחיהם (של כל התלמידים) בשבחו זה של כל א' וא'.

83) סידור עם דא"ח דש, א.

84) אוה"ת פרשתנו ס"ע שעד — בביאור ה־חילוק דחמשה חומשי תורה ושבעה ספרי תורה.

85) ראה תו"א בראשית ג, א. ובכ"מ.

86) שזהו א' הביאורים בזה, שדוקא סמוך לפטירתו בכה ריב"ז ואמר איני יודע באיזו דרך מוליכים אותי (ברכות כח, ב), כי במשך כל ימי חייו של ריב"ז הי' עסוק לגמרי בלימוד התורה וקיום המצוות* (מילוי שליחותו ועבודתו בעוה"ז), ולא הי' לו פנאי לחשוב אפילו אודות תיקון נפשו כו' (ראה לקו"ש חט"ז ס"ע 271 ואילך. וש"נ).

*) דגם זה ש„מ' שנה עסק בפרקמטיא" (ר"ה לא, סע"ב. סנהדרין מא, סע"א) — מובן ופשוט שהי' בתכלית ושלימות הקדושה, באופן דכל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו (ראה לעיל ס"ח).